# UNIVERSITY COLLEGE LONDON

*University of London*

## EXAMINATION FOR INTERNAL STUDENTS

*For The Following Qualification:-*

*B.A.*

**Hebrew & Jew. Studs. C32: Elementary Yiddish**

| | | |
|---|---|---|
| COURSE CODE | : | **HEBRC032** |
| UNIT VALUE | : | **1.00** |
| DATE | : | **19-MAY-03** |
| TIME | : | **10.00** |
| TIME ALLOWED | : | **3 Hours** |

03-C0662-3-30

© 2003 University College London

**TURN OVER**

HEBR C 32: ELEMENTARY YIDDISH

Answer ALL questions. Give answers in complete sentences.

1. Fill in the correct form of the verb in the present tense.
[10 marks]

1. (זיצן) דו ------ אין קלאַס.
2. (זײַן) מיר ------ אויף וואַקאַציע.
3. (מוזן) ער ------ פֿאַרדינען געלט.
4. (גיין) וויפֿל סטודענטן ------ אין ביבליאָטעק.
5. (האָבן) איך ------ קאָפּווייטיק.
6. (שרײַבן) דער פּאָעט ------ אַ ליד.
7. (וועלן) זי ------גיין טאַנצן.
8. (שטאַרבן) דער אַלטער מאַן ------ אין שפּיטאָל.
9. (קענען) ער ------ העלפֿן די קינדער.
10. (לייענען) זיי ------אַ צײַטונג.

2. Put the following passage into the past tense.
[10 marks]

די מומע רחל וואוינט אין רוסלאַנד. זי האָט א סך אייניקלעך. אירע קינדער אַרבעטן און זי זיצט אין דער היים. יעדן שבת קומט די משפּחה צו איר. און זיי עסן צוזאַמען.

3. Fill in the blanks with the appropriate preposition -
קיין, צו, אויף, אין
[5 marks]

1. מיר ווילן פֿאָרן ------ דער חתונה אָבער מיר מוזן פאָרן ------ פּאַריז.
2. איצט וואוינט זי ------ לאָנדאָן.
3. לאָמיר פֿאָרן ------ שטאָט און גיין ------טעאַטער.
4. אפֿשר גייען מיר ------שרהן נאָך דער קלאַס.

4. In Yiddish, and using the future tense, write a note to a friend saying what the weather will be like tomorrow and which clothes should be worn. (10-12 lines)
[10 marks]

5. Make the following sentences negative.
[5 marks]

1. דער אַלטער זיידע האָט די ביכער.
2. זיי קענען יאַפּאַניש.
3. ער הייסט משה.
4. עס איז דאָ אַ מויז אין קלאַס.
5. הײַנט האָבן מיר געגעסן פֿרישטיק.

6. You are interviewing someone for a job. In Yiddish, write down 5 separate questions which you plan to ask.
[10 marks]

7. Insert the correct definite articles and the correct adjectival endings.
[10 marks]

1. ער קוקט אויף --- שיינ--- פֿרוי.
2. מיר זעען --- בלוי--- הימל.
3. די מאַמע קויפֿט --- נײַ--- מאַנטל.
4. דער לערער גייט אין רעסטאָראַן מיט --- קלוג--- סטודענטן.
5. זי קען --- נאַריש--- ברודער.

8. In Yiddish, and in 15-20 lines, describe a friend or a member of your family (appearance and personality).
[10 marks]

9. Translate the following passage into English.
[10 marks]

א נאַר און אַ חכם

ייִדן זאָגן: ווען מען דערציילט אַ נאַר אַ מעשׂה, לאַכט ער דרײַ מאָל. איין מאָל, ווען מען דערציילט אים די מעשׂה; אַ צווייט מאָל, ווען מען דערקלערט זי; און נאָך איין מאָל, ווען ער פֿאַרשטייט זי.

ווען מען דערציילט אַ חכם אַ מעשׂה, זאָגט ער: „אַן אַלטע מעשׂה! איך האָב זי שוין געהערט אַ סך מאָל!" און ער קען אַליין דערציילן די מעשׂה אַנדערש.

10. Carefully read the passage below and answer in Yiddish the questions which follow.
[20 marks]

## אין ניו־יאָרק אויף דער גאַס

ניו־יאָרק איז אַן אינטערנאַציאָנאַלע שטאָט. אַ סך מענטשן אין ניו־יאָרק זײַנען אימיגראַנטן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער. אַ סך אַנדערע זײַנען קינדער פֿון אימיגראַנטן. אויף דער זעלביקער גאַס וווינען ייִדן, איטאַליענער, שפּאַניער, גריכן, נעגערס, כינעזער, אירלענדער.

הײַנט איז אַ יום־טובֿ. עס איז אַ שיינער און וואַרעמער טאָג. יוסף און משה גייען שפּאַצירן. זיי זעען אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכן. זיי גייען צוזאַמען און רעדן.

אין גרויסן פּאַרק שפּילן זיך קינדער. זיי וווינען אין די הײַזער לעבן פּאַרק. דאָ אין דעם גרויסן הויז וווינען אַ סך ייִדן.

ייִדן לייענען ייִדישע צײַטונגען. לעבן הויז פֿאַרקויפֿט מען צײַטונגען אויף פֿאַרשיידענע שפּראַכן. אין ניו־יאָרק גייען אַרויס צוויי צײַטונגען אויף ייִדיש. זיי גייען אַרויס אַלע טאָג. אַן ענגלישע צײַטונג שרײַבט ניט קיין סך וועגן ייִדן, אָבער אין אַ ייִדישער צײַטונג שרײַבט מען וועגן ייִדן אין אַלע לענדער.

דאָרטן איז אַ ייִדישע שול. ייִדישע קינדער קומען נאָך מיטאָג אין שול און לערנען זיך. זיי רעדן, לייענען און שרײַבן ייִדיש.

משהס קלענער ברודער גייט אין שול. ער איז אַ תּלמיד אין ערשטן קלאַס. ער קען אַלע אותיות.

1. וואָס פֿאַרא שטאָט איז ניו־יאָרק?
2. וואָס טוען יוסף און משה?
3. פֿאַרוואָס איז גוט צו לייענען אַ ייִדישע צײַטונג?
4. דערציייל וועגן דער ייִדישער שול?
5. ביסטו אַמאָל געווען אין ניו־יאָרק? שרײַב עפּעס וועגן די שטאָט.

*HEBR C 32* END OF PAPER